ירושלים, דעם 7טן סעפטעמבער 1992

טייערער דוד,

נאכן זען זיך און שמועסן פנים-אל-פנים אזוי פיל מאל איז פארשטייט זיך שווערער אנצוהייבן א שמועס בכתב. אבער איינע פון די זאכן וואס איך וויל אנהייבן ביימן איך מיר איז טאקע דער ענין פון "אפלייגן", און ביי מיר איז די כראנישסטע זאך תמיד געווען דאס אפלייגן שרייבן בריוו. נו, אפשר וועל איך קענען עפעס בייטן אין דעם.

כאטש איך דער אמת שרייב איך דיר דעם בריוו שפעטער ווי איך האב געמיינט. ביז איצט בין איך געווען פארנומען מיט דער בר-מצווה, וואס איז דורכגעגאנגען גאנץ פיין, און מיט די געסט - תורהס משפחה - וואס זענען געבליבן א ביסל לענגער. איצט בין איך שוין "פריי" פון דעם אלעמען, און איך די פינף וואכן וואס זענען געבליבן ביזן אנהייבן דאס לערניאר דארף איך צוגרייטן א גאנצן קורס וועגן שטעטל. איך וויל טאקע אפגעבן די צייט קודם-כל כדי צו ליינענען די קלאסישע העברעישע ליטעראטור וועגן שטעטל, וואס דאס איז ביי מיר אן אלטער חלום, און - אויב ס'וועט נאך בלייבן צייט - אנדערע מאטעריאלן. איז איידער איך הייב אן ליינענען האב איך באשלאסן צו מאכן אן עק צו מיינע היפשע חובות וואס שייך בריוו. פארנעמסטו א בכבודיקן ארט אין דער רשימה.

איז פון וואס אנהייבן? כ'וועל טאקע אנהייבן פון דיין קאפיטל וועגן מאנגער, וואס כ'האב נאך געזאלט האבן געליינענט אין ניו-יארק. דווקא אין דעם קאפיטל האסטו ניינס וואס צו זאגן, האסט אפילו געפונען טשיקאווע זאכן אין דעם מאנגער-ארכיוו. לויט מיין מיינונג - כ'שרייב דיר אפנהארציק - ליידט עס אבער פון דער זעלבער פראבלעם ווי די פריערדיקע קאפיטלען, און אפשר מער: מע ווייסט נישט וואס דו ביסט אויסן. ביסטו אויסן צו באטראכטן די פראגע ווי אזוי מאנגער האט באניצט פאלקלאר - טא באטראכט זי! איז פונקט ווי כ'האב דיר געזאגט ביי א פריערדיקן קאפיטל: אויב שוין יא דער לעצטער פורים-שפילער, טא זאלסטו מיר זאגן ווי האט אויסגעזען א פורים-שפיל! און דעם מאטעריאל קענסטו יא, האסט דאך אליין אויפגעפירט א פורים-שפיל. האט דער ליינענער קיין שום אנונג נישט צי מאנגער האט טאקע אויסגענוצט די מעגלעכקייטן פון א פורים-שפיל. און מע ווייסט טאקע נישט: צי זענען אין דער פורים-שפיל געווען אזעלכע אקטואליזאציעס ווי מאנגער האט אריינגעפירט אין זיינע לידער? און וואס געשעט אין דעם איבערגאנג פון א דראמאטישער פארעם צו פאעזיע? או"ו או"ו. דו באטראכטסט אליין אז די מקורים פון זיינע לידער זענען גאר פארשיידן-מיניקע, איז לאמיר הערן א ווארט וועגן דעם (דאס אנגעבן א מקור פאר "ערלקעניג" קלינגט א ביסל "מעשה-שילער" לגבי אזא

באקאנט ליד). און אויב די פארבינדונג צווישן מאנגערס באלאדע און דער פאלקס-באלאדע, לאמיר זען א פאלקס-באלאדע (דרך-אגב, דאס איז א טעמע וואס דר האסט שוין באהאנדלט אין א פריערדיק קאפיטל, קומט אויס א מין ציקלישע איבערחזרונג).

אין דעם זינען זע איך נישט ווי אזוי דער אנהייב פאסט זיך: אויב שוין יא באטראכטן די טעמע פון "לאקאל קאליר" און "לאקאלע טראדיציעס", איז דאס נאך א מאל - א טעמע פאר זיך. לאמיר זאגן אז מאנגער באניצט זיך מיט דעם מער ווי אנדערע שרייבערס - כ'בין אין דעם נישט זיכער, אבער לאמיר זאגן. איז ווי טוט ער עס? דר דערמאנסט למשל אז ער רעדט וועגן מענטשן - און דווקא פון דער נאענטער פארגאנגענהייט, וועלוועל זבארזשער, די בראדער זינגער - אבער איך ווייס נישט צי ער באניצט זיך בכלל, למשל, מיט לאקאלע טראדיציעס. און האט טאקע זיין לאנדשאפט א ספעציפיש מזרח-גאליציאנער קאליריט, ווי ער דערקלערט? כ'ווייס עס אויך נישט, און דער לייענער ווייסט עס נישט, ווייל דא פאדערט זיך א פארגלייכיקער אנאליז, וואס מעטאדיש איז עס גאנץ שווער דורכצופירן. אבער אפילו אויב יא, איז דער דראנג נאך לאקאלן קאליר נאר איינע פון די כוחות וואס זענען משפיע אויפן פאעט. פון דער אנדערער זייט האט אויף אים א געוואלדיקער כוח די סטיליזאציע, די פאעטיזירנדיקע סטיליזאציע, טאקע אין דער באלאדע. צי קען מען זאגן אז דאס זענען "מזרח-גאליציאנער" באלאדעס? און דאס איז איינע פון די פראבלעמען, וואס דר דערמאנסט, אבער דר באהאנדלסט זיי נישט אין פולן פארנעם.

קליינע באמערקונגען: ז' 10 שורה 5: ווען דר שרייבסט וועגן א בוך פון מכלומרשטן פארלאג "יידיש איז הפקר" פארשטיי איך נישט וועמעס בוך איז דאס: מאנגערס צי זיינע ברודערס? אין דער הערה 23 ווייסט מען נישט פון וועלכן בוך דו ציטירסט.

ז' 11: נו, זאגן אז אליעזר שטיינבארגס משלים זענען געווארן אזוי פאפולער ווי "אויפן פריפעטשיק" איז א קליין ביסעלע איבערגעטריבן. און בכלל דאס אריינפירן שטיינבארגן איז גאנץ פראבלעמאטיש: דער אונטערשייד צווישן ביידע שרייבערס איז דא א סך, א סך גרעסער ווי דאס וואס דו קענסט געווינען פון דעם פארגלייך צווישן זיי.

אויף ז' 16, וואס שייך דער באלאדע, וואס מאנגער האט איר "צוריקגעקערט" פארשידענע עלעמענטן: דער "פעמינינער" כאראקטער פון דער יידישער פאלקס-באלאדע איז גאנץ קלאר. האט עס מאנגער נישט געדארפט "צוריקקערן". דרך-אגב, ס'איז דא אן ארבעט (וואס כ'האב נאך נישט געלייענט), לעצטנס ארויס, פון Rotstein (צי עפעס אזוי, אן ערנסטער

פאלקלאריסט איז אמערסט) וועגן "מוטער-טאכטער דיאלאג אין דער יידישער באלאדע"; דאכט זיך אין <u>New York Folklore Journal</u>, צי עפעס אזוינס (חנה מלאטעק האט די ארבעט דערמאנט, קענסט ביי איר אנפרעגן).

און דער עיקר: צי האט טאקע מאנגער געוואלט זיין א "פאלקלאריסטישער" פאעט? און וואס <u>האט געמיינט פאר אים "פאלקלאר"</u>? למשל, דער גאנצער ענין פון "מדרש איציק" האט מיט פאלקלאר "פער סע" א קנאפע שייכות (אויסער א פאר לידער). ס'האט א שייכות (כ'שרייב מיט א באווארעניש, ווייל כ'טראכט "פון זכרון") מיטן טאג-טעגלעכן לעבן אין מזרח-אייראפע, אבער דאס מיינט נישט דווקא פאלקלאר. דארף מען אויך דא א סך מער פרעציזירן.

כ'וועל דיר זאגן דעם אמת: אויב איך גיי פארלוירן אין דעם געבוי פון קאפיטל, ווייל כ'זע נישט ווו דו צילסט, וועט א געוויינלעכער לייענער אוודאי אויך פארלוירן גיין. דרך-אגב, און דאס איז טאקע נישט דיין שולד, צי האסטו באמערקט אז דו ברענגסט לענגערע ציטאטעס פון די "מדרש-איציק" לידער, אבער די קאמענטארן צו זיי זענען גאנץ קורץ? און דאס איז ווי געזאגט נישט דיין שולד, ווייל דאכט זיך מיר אז דאס איז א בוך וואס איז זייער "נחמד" ווי מע זאגט אויף העברעיש, אבער נישט טיף, דאס הייסט — עס עפנט נישט פאר לייענער עטלעכע ריכטונגען מיט א מאל. בשעתו איז דאך וועגן דעם ווערק אנגעגאנגען <u>א שטיקל ויכוח</u>, אבער דו דערמאנסט וועגן דעם ווייניק, כאטש דווקא דא ברענגסטו א טשיקאווע דאקומענט. כ'וואלט געזאגט אז די פראגע איז "וואס קען מען מאכן מיט פאלקלאר אין א יידיש-קינסטלערישן ווערק? וואס זענען <u>באמת</u> די שעפערישע מעגלעכקייטן פון פאלקלאר? כ'האב די פראגעס נישט גוט פארמולירט ווייל איך האב נישט קיין כח צו טראכטן, דאס זענען אויך פראבלעמען וועגן וועלכע כ'האב קיין מאל נישט געטראכט. ערגעץ ווו פארבינדט זיך עס, זייער זייער אומדירעקט מיטן "פסטיבל עדות המזרח" (ווי שרה רופט עס אן) וואס קומט פאר אין דער ישראלדיקער קולטור. נאר ווי געזאגט, כ'האב נישט קיין כח צו טראכטן וועגן דעם.

און אויסער דעם — נישט קיין פריילעכע נייעס: אלי לעדערהענדלערס טאטע איז געשטארבן — היינט איז די לויה. געוויינלעך האב איך מיט אים כמעט נישט קיין פארבינדונג, נאר גראד בשייכות מיט דער בר-מצוה, וואס מיר האבן געפראוועט אין דער קאנסערוואטיווער שול, האב איך אים געבעטן צו זאגן א פאר ווערטער. און ער האט מיך זייער איינגענומען איבערגעראשט — אזוי ווי ס'איז געווען נאכן 12טן אויגוסט, האט ער ציטירט דוד האפשטיינס א ליד.

און שרה צפתמן איז דורכגעגאנגען אן אפעראציע, א ראק אויף דער הויט, די אנאליזן האבן געוויזן אז אלץ איז ריין.

און ווייטער — ווייטער ווילט זיך ארבעטן. דאס זיין אין ניו-יארק גיט מיט שטענדיק א שטיקל סטימול צו ארבעטן, ביז עס ווערט דא אפגעשוואכט מער און מער. לאמיר זען וואס כ'וועל קענען באווייזן. יא, איך האלט אין זאמלען די פאר ביכער וואס דו האסט מיר געבעטן. וואס איך בעט ביי דיר — הארשאורס בוך וועגן יידיש וואס כ'האב נאך נישט (געלייענט פון דעם נאר א שטיקל), און גילא פלאמס בוך. בעט ביים ייווא זיי זאלן מיר ארויסשיקן דעם ערשטן באנד פון אטלאס. פאר דעם וועל איך באצאלן באזונדער (בעט אויב עס קאסט ביז $110-100 עד כאן. אפילו דאס איז צו פיל פאר מיר).

א הארציקן גרוס שיינען און אריה-לייבן.

[illegible]

דיין אברהם

Meaning of Yiddish

Gila Flam